יו"ל לאור ע"י איחוד תלמידי וחסידי טאהש

# גליון באור החיים

פרשת ויגש - תשפ"ג לפ"ק | גליון תש"ב

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
מו"ה ראובן משה גריקא הי"ו (קרית יואל)
לע"נ הרה"ק המקובל משה דוד ב"ר שמואל זצ"ל
היארצייט ביום השב"ק - ז' טבת הבעל"ט
לע"נ זקינו ר' צבי ב"ר זעליג ע"ה
היארצייט ביום ה' ויחי - י"ב טבת הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה.

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה משולם פייש (ברח"א) פעלבערבוים הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת הכנסת בנו לעוהתו"מ למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### יוסף נעשה מלך כדי שהוא ישפע לבני ישראל

**כי למחיה שלחני אלהים לפניכם**

היינו שכל מה שאירע לנו עד עתה שנעשיתי למלך, והצרכתם לירד מצרים בעל כרחכם כל זה היה רק כדי שאוכל להשפיע עליכם לשוב לכם שארית בארץ ולהחיות לכם לפליטה גדולה.

ואכן בכל השנים אשר ישבו במצרים, השפיע יוסף לאחיו שפע רב ואור גדול, להם ולדורותיהם עד עולם, וכמו שכתוב ויכלכל יוסף את אביו ואת אחיו כל בית אביו לחם לפי הטף, לפי הטף היינו לפי הצורך לדורות בני ישראל הבאים אחריהם, שהשפיע עליהם שפע רב שיהא בכחם להתחזק שם במצרים נגד הנסיונות המרובים.

(עבודת עבודה דב"ק ויישב)

### מי שדבק לצדיק הצדיק משנה הטבע לטובתו

**ותן זרע ונחיה ולא נמות**

פירוש רש"י הק' מכיון שבא יעקב למצרים באה ברכה לרגליו והתחילו לזרוע וכלה הרעב, והרמב"ן הק' הקשה על זה, דהאיך אפשר שנתבטל פתרון יוסף שפתר שיהיה רעב שבע שנים במצרים, וכי לא ראה יוסף מה שיהיה לבסוף, ותירץ על זה הרה"ק מבארדיטשוב זי"ע, כי בפתרון החלום אמר יוסף לפרעה, את אשר האלהים עושה הגיד לפרעה, ורצה לומר בזה, אשר "האלהים" לבדו עושה ולא יהיה צדיק הדור שיבקש מהקב"ה שתתבטל גזירות הרעב, אז יתקיים הפתרון שיהיה רעב שבע שנים בארץ מצרים, מה שאין כן אם יהיה צדיק, תיבטל הגזירה ופתרון החלום.

הרי שכל טבע הבריאה משועבד לצדיקים, והאדם צריך להאמין, שכאשר הוא מדבק את עצמו לצדיקים, והוא מוכן לקבל מהצדיקים, וללמוד דרך ה' מהצדיקים, אזי יש בכחם לפעול עבורו ישועות, ולהפוך למענו כל סדר הבריאה, כי כל הבריאה משועבדת לכלל ישראל, והקב"ה מנהיג את כל העולם לטובת ישראל, כי הקב"ה ברא עולמו להטיב לברואיו.

(עבודת עבודה דב"ק פורים)

### הדרך לעמוד בגלות היא ע"י

### כח התורה

**ואת יהודה שלח לפניו אל יוסף להורות לפניו גשנה**

פרש"י הק' לתקן לו בית תלמוד שמשם תצא הוראה, הענין בזה, כי ידוע דיעקב אבינו ע"ה היה עמוד התורה, ובכח התורה עמד יעקב אבינו בכל הדורות אשר עברו עליו בימי חייו, צרת לבן, דינה, יוסף, עשיו, בכולם התחזק בכח התורה שהתעמק בה, וכמו שאמרו חז"ל (מגילה יז) כי טרם הלך לבית לבן נטמן י"ד שנה בבית עבר ועסוק בתורה, לכן גם עתה כאשר עומד לקבל עליו עול גלות מצרים, היתה ראשית מטרתו "לתקן לו בית תלמוד אשר משם תצא הוראתו", שיהא לו מקום מוכן לעסוק בתורה, כי רק בכח זה יהא לו ולבניו מעמד בגלות מצרים, ורק בכח התורה, יהא בכחם להינצל מכח טומאת מצרים, אשר עיקר שליטתה היתה בפגם היסוד, כמו שנקראת ערות הארץ, וזהו שאמר הכתוב ואת יהודה שלח לפניו "אל יוסף" היינו להכין לו עצה היאך לעמוד במדת יוסף, מדת יסוד צדיק, על זה צוהו לתקן בית תלמוד אשר משם תצא הוראה, כי התורה היא הכלי זיין להינצל מן החטא.

(עבודת עבודה פתגמ"ק ויגש)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

## יוסף הצדיק האט מרמז געווען מיטן שיקן עגלות אז די גאולה ווענט זיך אין יעדער יוד

וירא את העגלות אשר שלח יוסף לשאת אותו ותחי רוח יעקב, פרש"י הק', סימן מסר להם במה היה עוסק כשפירש ממנו, בפרשת עגלה ערופה, וזהו שנאמר וירא את העגלות אשר שלח יוסף, ולא נאמר אשר שלח פרעה. דארף מען פארשטיין דער ענין אין דעם, פארוואס דער אייבערשטער האט מסביר געווען אז יוסף זאל זיך אפשיידן פון יעקב דווקא ביי די פרשה פון עגלה ערופה. אויך דארף מען פארשטיין פארוואס יוסף האט געדארפט שיקן א סימן פאר יעקב אז ער איז יוסף, לכאורה האבן דאך די ברידערס אים שוין דערקענט און גערעדט מיט אים פארדעם.

נאר כדי דאס צו פארשטיין, דארף מען זיך קודם מתבונן זיין אין וואס עס שטייט אין פסוק ביי די פרשה פון עגלה ערופה, וכל זקני העיר ההוא הקרובים אל החלל ירחצו את ידיהם על העגלה הערופה בנחל, וענו ואמרו ידינו לא שפכו את הדם הזה ועינינו לא ראו, כפר לעמך ישראל אשר פדית ה', זענען די ראשונים מבאר, די ענין פון די מצוה פון עגלה ערופה, וואס דאס קומט נישט לכאורה צו מכפר זיין אויף די חטא פון שפיכת דמים ווייל רש"י הק' ברענגט פון חז"ל אז אויב מען טרעפט די הורג אחר שנתערפה העגלה דארף מען אים הרג'נען, און אויב איז שוין די חטא פון שפיכת דמים נתכפר געווארן, וואלט מען נישט געדארפט הרג'נען דעם הורג, דארף מען פארשטיין אויף וועלכע חטא קומט יא די עגלה ערופה מכפר צו זיין, וואס אויף דעם זאגט מען "כפר לעמך ישראל".

אויך זענען די מפרשים מדייק פארוואס מען זאגט, כפר לעמך ישראל "אשר פדית ה'", פארוואס דערמאנט מען דא אז דער אייבערשטער האט אויסגעלייזט זיין פאלק, נאר די מפרשים שרייבן אז די שורש פון מצות עגלה ערופה איז מדין כל ישראל ערבים זה לזה, און וויבאלד עס איז געטון געווארן א רציחת נפש בישראל, איז כל זמן מען האט נאך נישט געטון קיין דין מיטן הורג, איז שורה א קטרוג אויף יודישע קינדער, אויך אויף די וואס האבן נישט גע'הרג'ט, נאר מצד ערבות, ווייל אלע אידן זענען איין שורש, און דורך די עריפת העגלה קומט מען מכפר זיין די חלק פון די חטא וואס אלע יודן האבן אין דעם מצד מצות ערבות, און מען וועט מיט דעם מכפר זיין די קטרוג וואס איז שורה אויף יודן, און אויף דעם זאגט מען כפר לעמך ישראל, אבער די עצם חטא איז נאכנישט נתכפר געווארן דורך דעם, וועגן דעם ווען מען טרעפט דעם הורג, נאך די עריפת העגלה דארף מען אים הרג'נען.

און לויט דעם וועט מען מבאר זיין פארוואס דער אייבערשטער האט מסבב געווען אז יוסף זאל זיך אפשיידן פון יעקב דווקא ביי די פרשה פון עגלה ערופה, צו מרמז זיין מיט דעם אז די חטא פון מכירת יוסף איז נישט געווען די חטא פון די שבטים אליין, נאר זיי האבן גורם געווען צו משרה זיין דינים אויף יודישע קינדער פון די שפעטערדיגע דורות, אפי' זיי האבן אים נישט פארקויפט, און זיי אלע וועלן דארפן ליידן פאר די חטא מצד דין ערבות, און קרוב צו צוויי טויזענט יאר שפעטער, זענען די עשרה הרוגי מלכות גע'הרג'ט געווארן פאר די חטא.

וועגן דעם ווען יעקב אבינו איז אויסגעלייזט געווארן פון צרות יוסף, און ס'איז געווען ותחי רוח יעקב אביהם, איז עס נישט געווען די גאולה פון יעקב אבינו אליין, נאר א גאולה כלליות לכל ישראל, ווייל די מכירה איז געווען אויפן חשבון פון יעדעם, און די גאולה אויף די חשבון פון יעדעם, וועגן דעם אזוי ווי ווען יוסף האט זיך אפגעשיידט פון יעקב, מיט די פרשה פון עגלה ערופה, אזוי אויך איז זייער פרישע התקשרות דורך די פרשה פון עגלה ערופה, ווייל יעדע צרה אין יעדע גאולה פון א צרה איז נישט קיין ענין פרט, נאר א ענין כלל וואס איז נוגע פאר גאנץ כלל ישראל.

און דאס זאגט די פסוק ביי די פרשה פון עגלה ערופה, כפר לעמך ישראל אשר פדית ה', דאס קומט צו לערנען אז די גאנצע ענין פון די פדי' פון יודן איז תלוי מיט די מצוה פון ערבות, ווייל אפי' א חלק פון כלל ישראל זענען שוין ראוי צו ווערן אויסגעלייזט, איז נאך דא א עיכוב צו די גאולה, וועגן די צדי ערבות פון די אנדערע חלק יודן, און אזוי אויך פארקערט ווען איין יוד איז מתקן זיינע מעשים ער זאל זיין ראוי צו ווערן אויסגעלייזט, איז ער גורם א קירוב הגאולה פאר גאנץ כלל ישראל אזוי ווי חז"ל זאגן יחיד שעשה תשובה מוחלין לכל העולם כולו.

(עבודת עבודה פתג"ק)

# באור הנפש

פתגמי חיזוק והדרכה בעניני לימוד התורה

## כל העוסק בתורה לשמה זוכה לדברים הרבה

פעם הגיע הגאון רבי שלמה איגר זצ"ל לקאצק (להחזיר את בנו הרה"ק רבי לייבל זי"ע משם), והבחין כיצד העולם מצטופף סביב איש אחד. ניגש אליהם ושאלם, מי הוא זה, האם תלמיד חכם האיש, השיבוהו, לא! האם הוא גביר, השיבוהו, לא!.

נענה אחד מן החבורה כי האיש ההוא "היינו עניו".

התבטא הגר"ש איגר זצ"ל: "נישט קיין תלמיד חכם, נישט קיין גביר, זאל ער נאך זיין א בעל גאוה"...

# מתורתו של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

## האדם אינו יכול להשיג בכחו אמיתת התורה רק שצריך להשתדל ומן השמים יסייעוהו

איתא נמי במדרש על הפסוק (במדבר ח ד), 'וזה מעשה המנורה מקשה זהב עד ירכה עד פרחה מקשה הוא כמראה אשר הראה ה' את משה כן עשה את המנורה', ופירש רש"י הק' (בשם מדרש תנחומא) שהראהו הקב"ה למשה באצבע את מראה המנורה, ועדיין נתקשה בה, ואמר לו הקב"ה שישליך את ככר הזהב לאור, והיא נעשתה מאליה.

ויש לפרש הענין בזה, כי הנה ידוע (כ"ב כה:) שהמנורה רומזת לחכמה. וכאן למדתנו התורה הק', שכמו שנתקשה משה במעשה המנורה שלא היה יכול לעשותה בעצמו, וכיון שעשה מעשה שזרק הזהב לאש, סייעוהו מן שמיא והיא נעשתה מאליה. כך אי אפשר שישיג האדם דברי תורה בכח עצמו, אבל כיון שיתאמץ בה, שיהגה בתורת ה' ויתיגע בה לשם שמים להבינה כדי לקיים את מצוותיה ולשמור אזהרותיה, גם כאן מן שמיא יסייעוהו ויאירו את עיניו להשיג אמיתה של תורה.

(של"ס פרשת תרומה תשע"ו)

# אתורה אויף די פרשה

## אין נא אלא לשון תפלה

ויגש אליו יהודה ויאמר בי אדני ידבר נא עבדך דבר באזני אדני (מד - יח)

די משנה זאגט אין מסכת ברכות (פרק ה' משנה א') אז "חסידים הראשונים היו שוהים שעה אחת קודם התפלה ומתפללים כדי שיכוונו את לבם למקום". שטייט פון הייליגן ר' נח מלעכוויטש זי"ע אז דער פשט אין דער משנה איז, אז זיי האבן אין יענער שעה מתפלל געווען צום אייבערשט'ן, אז בשעת'ן דאווענען זאלן זיי קענען מכוין זיין ווי עס דארף צו זיין. אויך זאגט מען נאך פון תלמידי בעל שם טוב זי"ע, אויפן פסוק "אנא ה' הושיעה נא", מיר ווייסן דאך אז "אין נא אלא לשון תפלה" (בקשה - דאווענען און בעטן) מיר בעטן דעם אייבערשטן "אנא ה'" מיר בעטן דיר רבונו של עולם, "הושיעה נא" העלף אונז אז מיר זאלן קענען דאווענען ווי עס דארף צו זיין. דאס איז פשט אין פסוק "ויגש אליו יהודה ויאמר בי אדוני" יהודה האט זיך דערנענטערט צום רבונו של עולם, און געזאגט "בי אדוני" איך בעט דיר באשעפער, "ידבר נא עבדך דבר באזני אדוני" העלף מיר אז איך זאל קענען דאווענען ווי עס דארף צו זיין.

(אמרי חיים)

## א לימוד פונעם פסוק צו מודה זיין אז אלעס קומט פון הקב"ה

ויגש אליו יהודה ויאמר בי אדני וגו' (מד - יח).

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצהאגן ביים שבת טיש

כלל ישראל ווערן אנגערופן "יהודים" ווייל יעדע זאך וואס געשעהט, סיי קליינע זאכן סיי גרויסע זאכן, אויף אלעס זענען מיר "מודה" אז דאס קומט פון אייבערשטן, און אויב א מענטש איז אויף אזא בחינה, דעמאלס קען ער זיך דערנענטערן צום רבונו של עולם, דאס איז פשט אין פסוק: "ויגש אליו" דער וועג ווי אזוי מען קען זיך דערנענטערן צום רבונו של עולם, "יהודה" אויב מען האט דעם מדה פון "יהודה" וואס דאס מיינט מודה זיין אז אלעס וואס עס געשעהט קומט פונעם רבונו של עולם.

(חידושי הרי"ם)

## פארוואס האט זיך יהודה די מערסטע אנגענומען מער ווי אלע זיינע ברידער

ויגש אליו יהודה ויאמר בי אדני ידבר נא עבדך דבר באזני אדני (מד - יח).

פון די טראפן פון די אנהייב פרשה, ווערט פארענטפערט פארוואס האט יהודה זיך מער אנגענומען ווי די אנדערע ברידער. ויגש אליו - "קדמא ואזלא" ווייסטו פארוואס איך גיי פריער. יהודה - "רביעי" כאטש איך בין דאך די פערטע. ויאמר - "זרקא" ווייל איך האב מיך אונטערגענומען צו זיין פארווארפן. בי אדוני - "מנח סגול" פון צו רוהן אין גן עדן [עם סגולה].

(הגר"א מווילנא)

## פארוואס האט יוסף קודם געזאגט "אני יוסף" און נאכדעם האט ער געזאגט "גשו נא".



# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק בעל אור פני משה זי"ע (ב)

*דעם קומענדיגן י"ב טבת, דאנערשטאג ויהי הבעל"ט געפאלט אויס די יומא דהילולא פונעם הייליגן 'אור פני משה', הרה"ק רבי משה בן רבי יצחק הלוי זי"ע.*

### ואלה תולדותיו

דער הייליגער אור פני משה זי"ע איז געבוירן געווארן צווישן די יארן פון ת"פ.

איבער זיינע יוגענט יארן זענען נישט באקאנט קיין באזונדערע פרטים ווי דער הייליגער 'אור' איז נתחנך געווארן און געשטיגן מעלה מעלה, ביזן איפוואקסענדיג פון די צדיקי דורו בדור דעה.

אינטערעסאנט איז אנצומערקן אז דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע שרייבט, אז פון די יוגענט יארן האט זיך דער הייליגער אלשי"ך זצ"ל מגלה געווען צו איהם און געלערנט מיט אים תורה.

דער אור פני משה האט זיך נאך מסתופף געווען ביי די חבריא קדישא פונעם הייליגן מגיד הגדול ממעזריטש זי"ע ווי דער אור פני משה שרייבט אין זיין ספר פרשת וירא וזל"ק: **"נזדקה מפי חבורה קדישא של רבן כל בני הגולה הגאון מהו' דוב בער שי' עד ביאת משיחנו"** עכדל"ק.

דער הייליגער אור פני משה איז נסתלק געווארן אום י"ב טבת אין יאר תקס"ו לפ"ק.

### והאיש "משה" עניו מאוד מכל אדם

די דאזיגע ווערטער 'והאיש משה עניו מאוד' איז גאר פאסיג צו זאגן אויפן הייליגן 'אור פני משה', נאכדעם וואס דורכאויס זיין גאנץ לעבן האט ער זיך געהאלטן גאר שטארק בענווה ובשפלות, און האט זיך אלעמאל פרובירט אויסצובאהאלטן פון מענטשליכע אויגן, און פונעם רוישיגן המון עם, און פון זיין ווינקל געדענט השי"ת.

עס ווערט דערציילט אז ווען דער 'אור פני משה' האט געמאכט זיין חשבון הנפש, איז זיין נשמה כמעט ארויסגעפלויגן פון גרויס פחד און שרעק, אז ער האט ממש נישט קיין זכותים ביים באשעפער, צו קענען ווייטער באקומען גוטס און טובות פון אים.

ווי מ'זעהט וואס דער הייליגער חוזה זי"ע שרייבט אין זיין הקדמה צום ספר 'אור פני משה', וזל"ק:

ידעתי את הרב אלוקי בוצינא קדישא מוהר"ר משה סופר סת"ם מק"ק פשעווארסק, והיה בהצנע לכת עד אשר לא נודע שהיה למדן,

> גודל קדושת ספה"ק 'אור פני משה' מתוך שיח"ק של רביה"ק זי"ע
>
> בהסכמה לספר אור פני משה, כותבים בני הר"ר זושא מהאניפאלי זי"ע, מה ששמעו מפי אביהם הר"ר זושא, שפעם אחת התאכסן בביתו של רבי משה, וראה כי בעת כתבו את ספרו, התנוצצו ניצוצי אש מקולמוסו.
>
> (עבודת עבודה שיח"ק ח"ב עמוד ק"ו)

ואני ידעתיו, כי כשהייתי בילדותי הייתי סר למשמעתו, ושתיתי מימיו הנאמנים, וידעתי שכל עניניו היו רק לשם שמים ולעשות נחת רוח לפניו יתב"ש, והיה לו מדרגה שהרב הגאון המנוח מוהר"ר משה אלשיך ז"ל היה מתגלה אליו, זה היה מנעוריו, עכדל"ק.

וואס דאס שפיגעלט אפ די הייליגע מדריגות וואס דער אור פני משה האט פארמאגט, אז אלעס איז פארן בלויזן ציל, לעשות נחת רוח להבורא יתב"ש.

### די גרויסע ענין פון סעודת מלוה מלכה

הרה"ק רבי שמעון יערוסלאבער זי"ע פלעגט דערציילן בשם דעם אור פני משה, אז צוויי נשמות זענען אמאל געקומען צו איהם משמי מעל צו באקומען א טובה, האט דער אור פני משה זיי געפרעגט וויאזוי איז אויבן אין הימל, וויאזוי פירט מען זיך אויף צו זיי.

האט איינער געענטפערט אז ער איז נישט נזהר געווען אויף דער עולם צו עסן מלוה מלכה מוצשב"ק צוליב דעם תיכף נאך זמן שבת לייגט מען אים צוריק אין גיהנום. דער צווייטער וואס האט יעדע וואך נזהר געווען גאר שטארק צו עסן סעודת מלוה מלכה, אים לייגט נישט צוריק אין גיהנום, כל זמן עס איז נאך דא אויף דער וועלט א איד וואס האט נאכנישט געגעסן מלוה מלכה.

### סופר סת"ם

ווי באקאנט איז דער אור פני משה געווען א סופר סת"ם, וואס האט געשריבן סופרות מיט א זעלטענעם אומבאשרייבליכער קדושה וטהרה, דורכאויס זיין גאנץ לעבן האט ער בלויז געשריבן 3 ספרי תורה, ווי ער האט זיי געשריבן בקדושה וטהרה, און איידער שרייבן די ה' האט ער זיך יעדע מאל באזונדער געטובלט, און אינזינען געהאט די שמות הקדושים.

און ווי רביה"ק ברענגט אראפ (עבו"ע שיח"ק ח"ב) אז דער אור פני משה האט געוויסט די ספעציעלע 'מעשה הכתב' וואס ווערט געברענגט אין מסכת יומא, הן ביי די תפילין וויאזוי צוזאמצובינדן די 4 קולמוסין בארבעת אצבעותיו, און הן ביים שרייבן סת"ם די 4 אותיות פון שם הוי"ה צוזאמען.

גאר אסאך צדיקים שבדורו האבן מפליא געווען די הייליגקייט און טהרה וואס דער אור פני משה האט געהאט און משפיע געווען ביים שרייבן די סת"ם, און אסאך האבן ספעציעל געשיקט קויפן ביי איהם תפילין'ס, צווישן זיי רבו מובהק הרה"ק בעל הנועם אלימלך מליזענסק זי"ע, הרה"ק רבי ברוך ממעזיבוז זי"ע, הרה"ק החוזה מלובלין זי"ע, הרה"ק רבי מרדכי מנעשכיז זי"ע, הרה"ק רבי דוד מלעלוב זי"ע, הרה"ק רבי אורי מסטרליסק זי"ע, הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב זי"ע.

### דער ברכה ווערט פארווירקליכט

הרה"ק ר' ליבוש מטארניגראד ז"ל פלעגט פארן קיין פשעווארסק צום אור פני משה. אין איינע פון זיינע באזיכען ביי דעם צדיק האט ער אמאהל דערקענט אויף אים אז ער איז פארזארגט. פרעגענדיג די אורזאך דערפון, האט

רבי משה מפשעווארסק זצ"ל אים דערציילט, אז פון ווען ער האט אין א גוטע שעה א שידוך געטוהן מיט זיין טאכטער, איז זיין רעבעצין פאר'דאגה'ט, פארוואס ער זארגט נישט אפילו איר אויסצושטאפירן. בעט אים ר' ליבוש, ער זאל זאגן וויפיל ער דארף, רבי משה קען נישט קיין צורת מטבע און האט נישט קיין אנונג וואס דאס מיינט. רופט מען אריין זיין רביצין און לויט איר ווארט, ציילט ר' ליבוש אפ דריי הונדערט רענדלעך. "דאס איז פאר די כלה" — זאגט די רביצין — אבער וואס וועט זיין מיט די קלענערע טאכטער? זי איז דאך שוין אויך אין די יארן און טאג טעגליך קלאפן שדכנים אויף די טיר... ר' ליבוש טראכט נישט קיין סאך און ציילט אפ נאך דריי הונדערט רענדלעך. די רעבעצין מיט איר מאן רבי משה שטראלן פון פרייד און דער צדיק רופט אויס באגייסטערט: אין דעם זכות וואס דו האסט ליכטיג געמאכט אונזערע אויגן, זאל דער באשעפער דיר געבן א זוהן וועלכער וועט באלייכטן אלע וועלטן!

די ברכה פון צדיק איז פארווירקליכט געווארן און צום יאהר האט זיין פרוי, מרים, די טאכטער פון טארניגראדער רב זצ"ל, אן אייניקל פון הייליגן חכם צבי זצוק"ל געבוירן דעם אינגל חיים, וואס איז אין יארן שפעטער געווען דער הייליגער צאנזער רב זצוק"ל זי"ע — בעל "דברי חיים" און מיט זיין תורה, עבודה וגמילות חסדים באלויכטן אלע וועלטן.

**זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**

ויאמר יוסף אל אחיו אני יוסף העוד אבי חי וגו' גשו נא אלי ויגשו וגו' (מה-ג-ד).

עס שטייט אין מדרש אז ווען די מצרים זענען ארויס געגאנגען האבן זיי צוגעלייגט די אויערן צו די טיר, צו הערן וואס יוסף רעדט. מיט דעם מדרש איז שוין פארענטפערט דער קשיא, ווייל ווען יוסף האט געזאגט "אני יוסף" האט ער הויך געזאגט ווייל ער האט געקענט באשטיין אז די מצרים זאלן הערן, אבער נאכדעם וואס ער האט געזאגט "אשר מכרתם אותי" האט ער דאך נישט געוואלט אז די מצרים זאלן הערן האט ער געזאגט "גשו נא" קומט'ס נאנט, כדי אז די מצרים זאלן נישט הערן אז איר האט מיר אמאל פארקויפט, ווייל דעמאלס וועלן זיי טראכטן אז איר זענט שלעכטע מענטשן און זיי וועלן נישט וועלן אז איר זאלט דא וואוינען מיט זיי.

(דעת זקנים)

## פארוואס האט יעצט יוסף נאכאמאל געפרעגט אויב יעקב לעבט נאך

ויאמר יוסף אל אחיו אני יוסף העוד אבי חי ולא יכלו אחיו לענות אתו כי נבהלו מפניו (מ"ה - ג).

עס איז שווער צו פארשטיין, פארוואס האט זיי יוסף יעצט איבער געפרעגט צו זיין טאטע לעבט נאך, זיי האבן דאך א גאנצן צייט צו איהם גערעדט און דערציילט וועגן זייער טאטע. נאר דער פשט דערפון איז אזוי: ווי מיר ווייסן האט יוסף'ס פנים געענדעלט צו יעקב'ס פנים. און דערפאר וואלטן דאך זיינע ברידערס איהם געמוזט דערקענען. דערפאר האט זיך יוסף שטארק געוואונדערט אז זיינע ברידער דערקענען איהם נישט. האט ער ביי זיך געטראכט: אפשר איז דער טאטע שוין נפטר געווארן און די ברידער געדענקן נישט ווי אזוי ער האט אויסגעזעהן. וועגן דעם האט יוסף זיי נאכאמאהל געפרעגט: "העוד אבי חי" דער טאטע לעבט נאך טאקע? ערשט יעצט האבן די ברידער אנגעהויבן צו באמערקן אז יוסף ענדלט צו דער טאטע: "כי נבהלו מפניו" זיי האבן זיך יעצט דערשראקן פון זיין פנים.

(החיד"א זצ"ל)

## כי כמוך כפרעה - מען טאר זיך נישט אויפרעגן

ואל יחר אפך בעבדך כי כמוך כפרעה (מד - יח).

מען קען זאגן א שיינעם פשט אין די ווערטער "כי כמוך כפרעה", ווייל אין פרשת מקץ, ווען פרעה האט געזעהן אז יוסף האט גוט באשיידט זיין חלום, שטייט אין פסוק, אז פרעה האט אים געזאגט אז ער איז אן "איש אשר רוח אלקים בו", וואס דאס מיינט, אז ער איז א נביא, און איבערדעם האט ער געוויסט דעם פתרון פון דעם חלום. אויך האט אים פרעה אנגערופען "נבון וחכם" - א קלוגער מענטש, ווייל נאר א חכם קען אויסטייטשן א חלום אזוי גוט ווי יוסף האט דאס געטוהן. און די גמרא זאגט אין מסכת פסחים (דף ס"ו ע"ב), "כל הכועס, אם נביא הוא, נביאתו מסתלקת ממנו, ואם חכם הוא, חכמתו מסתלקת ממנו" - א מענטש טאר זיך נישט אויפרעגן, און אויב רעגט ער זיך יא אויף, ווערט ער געשטראפט, אז אויב איז ער א נביא, פארלירט ער זיין נביאות, און אויב ער איז א חכם, פארלירט ער זיין קלוגשאפט. קען מען זאגן, אז דאס האט יהודה דא געמיינט צו זאגן צו יוסף, "אל יחר אפך בעבדך" - דו זאלסט נישט ווערן אויפגערעגט אויף מיר, ווייל אויב דו וועסט זיין אין כעס, וועט געשעהן צו דיר דאס וואס די גמרא זאגט, אז דער וואס רעגט זיך אויף ווערט אויס נביא, און אויך אויס חכם, און אויב דאס וועט געשעהן צו דיר, "כי כמוך כפרעה" - וועסטו זיין אזוי ווי פרעה, וואס ער האט נישט געקענט באשיידן זיין חלום, ווייל ער איז נישט געווען קיין נביא, און נישט קיין חכם.

(אגרא דכלה)

# א מעשה אויף די פרשה

וירא אליו ויפל על צואריו ויבך על צואריו עוד

אמאל ווען הרה"ק ר' נתן דוד משידלאוויצי זי"ע איז געווען פאר עטליכע וואכן אין שטאט קארלסבאד אויף מנוחת הנפש, איז איינגעפאלן פאר עטליכע פון זיינע חסידים צו פארן צום רבי'ן אויף שב"ק, קלערנדיג אז דער רבי וועט זיכער האבן א גרעסערע שמחה און נחת רוח פון די נסיעה, ווי איידער ווען זיי קומען צום רבי'ןס שטוב קיין שידלאוויצע, ווייל דארט אין קארלסבאד האט ער דאך נישט קיין שום באקאנטע. גלייך האבן א גרופע חסידים געפאקט פעק און געפארן צו רבי'ן קיין קארלסבאד אויף שב"ק.

אנקומענדיג צו ר' נתן דוד זי"ע, האט ער זיי תיכף געגעבן שלום, אבער מער פון דעם גארנישט. דער רבי האט נישט גערעדט מיט זיי קיין ווארט. די חסידים האבן געהאט גרויס צער דערפון. נאכ'ן פארן אזא ווייטע וועג מיט א גוטע כונה צו דערפרייען דעם רבי'ן, און דא איז ער זיי גאר מרחק און וויל נישט רעדן מיט זיי.

אבער די ווייטאג האט נישט לאנג געדויערט, ווייל אזוי ווי עס איז געווארן שבת, האט דער רבי זיי געשיקט רופן צו אים אין אכסני' און זיי אויפגענומען מיט גרויס שמחה און ליבשאפט, אזוי האט ער זיך משתעשע געווען מיט זיי און צוזאמען גערעדט דברי תורה מיט גרויס התלהבות. פארשטייט זיך אז דאס איז ערשט געווען פאר די חסידים נאך א גרעסערע וואונדער, "וואס איז דא פלוצלונג געשעהן אז דער רבי פרייט זיך יא מיט אונז."

און דער רבי האט מסביר געווען: וויסן זאלט איר מיינע ליבע אידן, אז ווען איך האב אייך דערזעהן דא ביים שלום געבן, האט איך באקומען אין הארץ אזא גרויסע שמחה און ליבשאפט, אז איך האב אויפ'ן ארט באשלאסן אוועקצוגעבן די אהבה פארן ליבן באשעפער ב"ה, ווייל אזא אהבה פאסט נישט זיך צו באנוצן דערמיט נאר לכבוד דעם בורא ב"ה...

# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים
מתוך הספר שיצא לאור
ע"י הרה"ג ר' **יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א חדב"ן

## פרק יא
## צער בעלי חיים

### העלפן א בעל חי

ס'איז דא מצוה זיך מטריח צו זיין און העלפן א בעל חי ארויסקריכן פון זיין צער, אפילו אויב דער בעל חי איז פון הפקר.[1]

### ווען איז נישטא דער איסור פון צער בעלי חיים

אויב א בעל חי איז מצער א מענטש אדער מ'דארף עס לרפואה, למצוה, אדער פאר סיי וועלכן צורך, איז מעיקר הדין נישטא קיין איסור צער בעלי חיים[2], אבער פאר אונטערהאלטונג איז אסור, זע הערה.[3]

### חינוך

מ'דארף מחנך זיין קינדער אז זיי זאלן נישט טשעפענען קיין בעלי חיים.[4]

### כאפן פיש

ס'איז נישט אויסגעהאלטן צו גיין מיט קינדער פאנגען פיש אויב מ'וויל עס נישט עסן, נאר מ'טוט עס בלויז פאר אונטערהאלטונג.[5]

### שפילן מיט בעלי חיים

מ'מעג לאזן קינדער שפילן מיט בעלי חיים, ווען מ'זאגט זיי אן אז זיי זאלן עס נישט מצער זיין.[6]

### פייגעלעך אין הויז

ס'איז נישט כדאי צו האבן זינגעדיגע פייגעלעך אין הויז. אויב זיי זענען אין הויף איז גרינגער. זע הערה.[7]

אסאך פירן זיך אז מ'איז זיך אינגאנצן מונע פון האבן פייגעלעך אין שטוב.[8]

## פרק יג
## לא ילבש

### סימן א'

ס'שטייט אין די הייליגע תורה "לא יהי' כלי גבר על אשה ולא ילבש גבר שמלת אשה"[9], אז א פרוי טאר נישט אנטון א בגד וואס איז געמאכט פאר מענער, און א מאן טאר נישט אנטון א בגד וואס איז געמאכט פאר פרויען. דאס איז סיי א בגד און סיי א צירונג, און דאס איז אפילו ווען די אנדערע בגדים פארבלייבן די געהעריגע וואס מען טוט געווענליך אן.[10]

---

1. שועה"ר (חו"מ סי' ה ס"ד) 'שאסור מן התורה לצער כל בע"ח בידים אא"כ הם מצערים לאדם אזי מותר אפי' להרגם שכיון שיש תועלת לאדם בהריגתם אין חוששים לצערם שהרי התירה התורה שחיטה וכן אם צריכים להם לרפואה או לשאר דברים שהם לצורך האדם אין בו משום צער בע"ח'.

2. זע רמ"א (אבהע"ז סי' ה סי"ד); שועה"ר (חו"מ סי' ה ס"ד), אז מען מעג אראפנעמען א פעדער פון א לעבעדיגן אווז אויב מען האט נישט קיין אנדערע, נאר 'העולם נמנעים משום אכזריות'.

3. רמ"א (סי' שטז ס"ב) שאסור לשסות כלב אחר חיה לצודן משום מושב לצים; ובשו"ת שמש צדקה (יו"ד סי' יח) כתב 'אף שאיסור תורה ליכא איסורא מיהא איכא שהרי לא הותרה מיתת בעל חיים אלא לצורך המין האנושי ולתועלתו ולא להקנותינו מדת אכזריות שפיכות דמים והריגה'; אמנם עי' שו"ת נוב"י (תנינא יו"ד סי' י) ד'לא שייך צעב"ח אלא לצערו ולהניחו בחיים אבל להמית בהמות וחיות וכל מיני בעלי חיים לית ביה משום צעב"ח' וכתב דהני חיות יער כל זמן שהם בחיים אין בהם שום הנאה לאדם ליכא בהמתתן משום בל משחית, אמנם אח"כ כתב דאף דמצד הדין שרי מ"מ איכא בו משום אכזריות ולכן יש להמנע מללכת ליערות לצוד בע"ח לירות בהם עם קנה שריפה רובה כשעושה כן רק משום תאוה ולא לשום פרנסה ע"ש; וע"ע שו"ת בית דוד (לייטער, ח"ב סי' סו).

4. ראה ברמ"א (חו"מ סי' רעב ס"ט) שצער בעלי חיים הוי דאורייתא.

5. שו"ת נוב"י (תנינא יו"ד סי' י); קב הישר (פרק פג). י"א אז דאס איז אבער נאר אויב מ'איז מצער דעם פיש בשעת עס לעבט, אבער אויב מען הרג'עט עס תיכף איז מותר. עי' שו"ת עבודת הגרשוני (סי' יג): 'דצער בע"ח לא שייך אלא בבהמה בחיים חיותו, כגון רובץ תחת משאו או לחסום שור בדישו או לעקור ב"ח וכיוצא בזה, אבל מי שנוחר את הבהמה במקום שיוכל לשחטה אין בזה משום צער ב"ח'. און אזוי האלט אויך דער נודע ביהודה. אבער דער שו"ת מהרש"ם (ח"ד סי' קמ) אסר'ט אפילו מען הרג'עט עס תיכף ומיד.

בײַ פליגן, מורישקעס, און קריכעדיגע אינזעקטן איז נישטא קיין איסור צער בעלי חיים מדינא, זע אמרי יעקב (חו"מ סי' ה ס"ק טז) בשם שאילת יעבץ (סי' קי). דאך, די ספרי המקובלים זענען מזהיר אז מען זאל נישט הרג'ענען קיין שום בעל חי אומזיסט, עי' בקובץ הלכות למעונות הקיץ (פ"א ס"ק כט) שמביא מקורות. אין מראות יחזקאל (ח"א דף ש) שטייט אז אינמיטן יאר איז נישט קיין איסור צו כאפן פיש, אבער ס'איז בעסער מען זאל זיך באשעפטיגן מיט אנדערע זאכן וואס ברענגען הנאה.

6. מראות יחזקאל (ח"א דף תשסג). מעיקר הדין זעט מען אין שבת (דף צ ע"ב) אז מ'פלעגט געבן היישעריקן פאר קינדער צו שפילן [אפילו געווענליך קומט עס צו לידי צעב"ח], און אין שועה"ר (סי' שמג סעי' ט) אז מען מעג געבן א טמא'נע פויגל פאר א קינד צו שפילן, זעט מען פון דעם אז שפילן פון א קינד הייסט א צורך, אפילו ווען עס ברענגט א צער פאר'ן בעל חי, ויל"ע.

7. שו"ת בצל החכמה (ח"ה סי' לה): 'ראוי לא להחזיק צפרים מנגנים בבית, ומ"מ העובר על זה אין מזחיחין אותו. לא יגדל תורים ובני יונה בתוך ביתו, אם אינו מגדלם רק מחזיקם לאכילתו לכבוד שבת ויו"ט י"ל דהמצוה מגין עליו לטובה. אם אינו מחזיקם בתוך ביתו רק בחצרו ורשותו נראה שהוא קיל יותר'.

זע ספר צער בעלי חיים בהלכה ואגדה (פ"ז) אז מ'מעג האבן א פיש טאנק מיט פיש אינדערהיים. פייגעלעך וואס זינגען איז א מחלוקת צי מ'מעג עס האדעווען אין שטוב. שיינע פייגעלעך מעג מען האבן אין שטוב. טויבעלעך אדער הינדעלעך, אויב איז עס נאר פאר שיינקייט איז כדאי זיך מונע צו זיין (אויב וויל מען עס נאכדעם שחט'ן לכבוד שבת איז מותר, שו"ת לבושי מרדכי תליתאה סי' ק).

ווען די שולע גיט פאר קינדער אהיימצוטראגן פישעלעך, ארײַנגעלייגט אין א פושקע, זאל מען מיטגעבן אביסל עסן און אנווייזונגען וויאזוי זיך צו באגיין מיט די פיש, וואספארא סארט עסן צו געבן און וויאזוי צו באהאנדלען. כן שמעתי מהגה"צ בעל בית נאמן בישראל שליט"א.

8. עפ"י כף החיים (יו"ד, סי' קטז, ס"ק קטז) "אין טוב לגדל בבית תורים ובני יונה לפי שהבית אשר יגדלו בה או ימותו בניו או לא יהיה לו זרע", ראה נגיד ומצוה (ריש חלק ב', דף פ"ג ע"א) בשם מה"ר חיים ויטאל ז"ל; שמירת הנפש (אות רל"ה); זבחי צדק (אות קמ"ד).

9. דברים (כב ה).

10. יו"ד (סי' קפב סעי' ה) 'לא תעדה אשה עדי האיש כגון שתשים בראשה מצנפת או כובע או תלבש שריון וכיוצא בו [הגה] מלבושי האיש לפי מנהג המקום ההוא [ע"כ הרמ"א]. או שתגלח ראשה כאיש ולא יעדה איש עדי אשה שילבש בגדי צבעונים וחלי זהב במקום שאין לובשים אותם הכלים ואין משימים אותו החלי אלא נשים'.

ויש בזה ג' אופני האיסור, א) שאסור ללבוש בגדי אשה באופן שנדמה לגמרי לאשה דהיינו ששינה כל מלבושיו לבגדי אשה וכן להיפך אשה לאיש (ש"ך סי' קפב סק"ז). ב) אסור ללבוש אפילו מלבוש אחד של אשה או תכשיט אחד וכדו' ולדמות לאשה במקצת, וכן אסורה אשה לצאת למלחמה בכלי זיין מאחר שהוא תכשיטו של איש (יו"ד סי' קפב ס"ה). ג) אפילו לא לבש שום מלבוש של אשה אבל מייפה עצמו באופן שרק נשים עושו ת ואנשים כשרים אין דרכם ליפות עצמם באופן כזה כגון שמלקט לבנות מתוך שחורות בכדי שיהא נראה צעיר קעבר על לאו דלא ילבש (סי' קפב ס"ו, ועי' לבושה של תורה סי' נז אות ה).

## בגדים וואס זענען געמאכט פאר יעדן

בגדים וואס זענען געמאכט סיי פאר מענער און סיי פאר פרויען, מעג מען אנטון[11].

אבער הויזן וואס איז א בגד פריצות טאר מען נישט אנטון, אפילו ווען עס איז געמאכט סיי פאר מענער און סיי פאר פרויען, אדער ספעציעל פאר פרויען[12].

## אנטון א קינד

ס'איז אסור אנצוטון א יונגל מיט בגדים וואס קומען זיכער נאר פאר פרויען, און אזוי אויך פארקערט, צוליב דעם איסור פון ספיית איסור לקטן ('איסור ספייה' מיינט אז מ'טאר נישט פיטערן א קינד מיט אן איסור)[13].

אפילו דער גדול טוט אים נישט אן בידים, אויב שטייט ער דארטן און דער קטן פארשטייט אז דער טאטע וויל עס, ווערט עס גערעכנט אלס ספייה בידים[14].

## חינוך

מען דארף מחנך זיין די קינדער פון ווען זיי זענען הגיע לחינוך אז א יונגל זאל נישט אנטון מיידלישע בגדים און א מיידל זאל נישט אנטון יונגלישע בגדים[15], אויב דאס זענען בגדים וואס זענען זיכער אסור פאר'ן קינד.

א קטן וואס טוט אן ווייבערישע בגדים וואס זענען אסור פאר אים און אזוי אויך פארקערט, איז דער טאטע מחוייב אים נישט צו לאזן עס אנטון, צוליב מצות חינוך[16].

## א פרעמדער מענטש

א פרעמדער דארף אויך צוריקהאלטן א יונגל פון אנטון ווייבערישע בגדים וואס זענען אסור פאר אים, אדער א מיידל פון אנטון מענערישע בגדים[17].

## מ'רעכנט יעדן מלבוש באזונדער

דער איסור איז פון ווען מ'טוט שוין נישט אן פאר יונגלעך מיידלישע סארט בגדים, אדער פארקערט[18]. ס'ווענדט זיך יעדער מלבוש באזונדער, ווי ווייטער ערקלערט.

א בגד וואס סיי יונגלעך און סיי מיידלעך טוען עס געווענליך אן, ווי למשל אן אונטער-העמד, א 'סטרעטשי' וכדו', און קודם האט דאס מיידל אנגעטון דעם בגד, מעג מען עס נאכדעם אנטון פאר א יונגל. אזוי אויך פארקערט, אויב דאס יונגל האט עס אנגעטון און ס'איז געווען מיוחד פאר אים, מעג מען עס דערנאך טוישן[19].

אויב מ'האט יונגלעך און מ'האט געקויפט פאר זיי וועש, און נאכדעם האט מען געהאט א מיידל און מ'וויל נאכנישט קויפן נייע בגדים פאר'ן מיידל, דעמאלט אין די מקומות וואס מ'טוט אן הויזן פאר מיידלעך ביז 3 יאר און מ'איז נישט מקפיד אויף קאלירן אדער מין הויזן, מעג מען עס אנטון אויף זיי[20].

## אז מ'דערקענט נישט

א העמד וואס ווערט פארקויפט פאר מיידלעך באזונדער און פאר יונגלעך באזונדער אבער מ'דערקענט נישט קיין חילוק, מעג מען קויפן פאר א יונגל אין פרויען געשעפט און פאר א מיידל אין א יונגל געשעפט, אבער אויב איז דא א חילוק צווישן די ביידע, ווי לדוגמא אז איינס איז פון רעכטס אויף לינקס און דאס אנדערע איז פון לינקס אויף רעכטס, זאל מען לכתחילה נישט קויפן[21].

## ווען קיינער זעט נישט

א מיידל זאל נישט אנטון הויזן וואס איז געמאכט פאר א מאן, אפילו ווען זי איז אליין אין שטוב[22].

---

11. מהרש"א (נדרים מט ע"ב); דער גר"א (סי' קפב ס"ק יא) איז מציין צו תוס' (שבת דף יב), אז בזמן הגמ' זענען געווען מלבושים וואס סיי מענער און סיי פרויען האבן אנגעטון; ברכי יוסף (יו"ד סי' קפב אות ד): 'בגד שדרך ללבשו אנשים ונשים מותרים כולם ללבשו'; וכן מדויק לשון השו"ע (יו"ד סי' קפב ס"א); ראה דרכי תשובה (סי' קפב ס"ק יג).

12. שו"ת מנח"י (ח"ב סי' קח) בנוגע אשה בלבישת מכנסיים: הנה אין דין זה צריך בושש דהוי איסור גמור, דחוץ מזה דבגדי שחץ כאלו נעשים מתחילתם לעביר, והם בגדי זימה ומביאים לידי תועבה, ואף אם לא יהי' בכלל כלי גבר המה בכלל תועבת ד' כל עושה אלה וכו' עוד באמת המה בכלל כלי גבר ממש, דעדיין שם מכנסיים עליהם והגם שהם משונים קצת מ"מ שמם עליהם'; ובשו"ת שבט הלוי (בח"ו סי' קיח אות ב) כתב 'ודאי משה"כ שם לאסור לנשים במכנסים כמו שהולכים בזה"ז אם אין מלבוש ארוך מלמעלה כן ענ"ד נוטה וכו' דכיון דהטעם דבדורות הקודמים לא הלכו כך משום דקים להו דזה עצם פריצותא דנראה פיסוק הרגלים באשה ע"י המכנסים ובזה לא נשתנתה ההלכה גם אם עושים קצת שנוי בצורת המכנסים ועי"ז נקרא עצם לבוש המכנסים החיצונים בגד מיוחד לאיש' וכתב עוד (יו"ד סי' סג): 'אבל בהולכת בלא בגד ארוך עליהם בדרך שנראים פסוק רגלים בדרך זה היא תקוני גברי גמור, ולא נמצא לנו היתר בשינוי, ואם אימת חורף עליהם ילבשו בגדי נשים עליה ואז יש צדדים להתיר'; וכ"כ בשו"ת פאת שדך (ח"ג סי' סג): 'ודאי דמכנסים שלובשים מלמטה באופן שפיסוק רגלים נראים הם כלי גבר בכל גוונא'; שו"ת משנת יוסף (חי"א סי' קמט): 'ועצם לבישת לבוש של פיסוק רגלים הוא אביזרייהו דלא יהי' כלי גבר על אשה'. וע"ע בשועה"ר (סי' שא, ס"י).

13. שו"ת מנחת יצחק (ח"ב, סי' קח, אות ב): "אבל פשיטא דשייך האיסור דספי לי' בידים [כשמלביש לקטן אפי' בן יומו]". אבל בשו"ת עטרת משה (חיו"ד, ח"א, סי' קכו) כתב: "ולכאורה לפום ריהטא לא מצאנו ענין איסור דלא ליספו להו בידים לקטן רק בדבר שהוא איסור מוחלט וכו' דלפימש"כ הב"ח והסכים עמו הש"ך דבלובש מפני איזו סיבה כגון מפני הצינה וכיו"ב אין איסור, לפי"ז לגבי קטן דלא שייך ענין כוונה נאמר דלא שייך משום איסור דלא ליספו להו בידים". ובחינוך ישראל (ח"א, פ"ד, סי' א, ס"ק ז) משמע שנוטה כדבריו. ומהרמב"ם בתשובה המובאת בתחילת ספר מעשה רוקח הנ"ל אפשר שדן מצד החינוך ולא מצד איסור ספי'.

14. עפ"י מ"ב (סי' שלד, סקס"ה).

15. שו"ת שבט הלוי (ח"ו יו"ד סי' קיח אות ד): 'ודבר פשוט בעיני ששייכים גדרי חינוך קטנים וקטנות בלאו דלא יהי' כלי גבר על אשה וכו' כמו בכל התורה כולה'.

ס'זענען פאראן חילוקי דעות ווען דער זמן חינוך אין דעם ענין הייבט זיך אן. י"א פון דריי יאר; שאז מבחינין בין הבגדים ונכנסים בגדר בר הבנה המבואר בסי' שמג שבאיסור לא תעשה צריכים לחנך משיעור זה".

י"א פון 6 יאר; ראה אהל יעקב (יו"ד סי' קפב סי' כב), ויל"ע למה.

16. הרמב"ם בתשובה (שחיבר בנו החסיד ר' אברהם ז"ל) המובאת בתחילת ספר מעשה רוקח כתב: 'גם התינוקות לפעמים יקשטו אותם בקישוטי הנשים ויצבעו ידיהם בצבע שצובעות בו הנשים, וזה בהפך מה שציוו עליו מעתיקי שמועה וכו', זה העני [הקטן] הם מאכילים אותו [בקישוטי נשים] וגם הם אמרו אין בי"ד מצווים [להפרישו כאשר לובש מעצמו בגדי נשים], וזה [הקטן] אביו מחנכו [צריך לחנכו שלא ילבש]'. כלומר, א) ב"ד פטורים מחינוך אבל האב מחוייב וכן מבואר בראשונים ובפוסקים; ב) גם אם פטורים מלהפרישו אבל אין לחנכו להיפך; והחיד"א בשיורי ברכה (יו"ד סי' קפב סק"ג) מביאו להלכה; שו"ת שבט הלוי (ח"ו יו"ד סי' קיח אות ד).

17. סי' שמ"ג, אז ביי א דאורייתא איז יעדער מחויב צוריקצוהאלטן א קינד. לדעת הרמב"ם המובא במעשה רוקח, אין אחר צריך להפרישו, אבל לדינא פסק הרמ"א שבדאורייתא צריכים להפרישו.

18. ברכי יוסף (יו"ד סי' קפב אות ד): 'בגד שדרך ללבשו אנשים ונשים מותרים כולם ללבשו'; חכמ"א (כלל צ סעי' א): 'במקום שאין לובשין אותן הכלים ואין משימין אותן התכשיטין אלא נשים'. משמע דאם הסדר הוא שאף אנשים משימין אין איסור.

19. שו"ת אהלי יעקב למהריק"ש (סי' ע); בספר לב חיים (חלק ג' סי' כ"ו) מחמיר, והשד"ח (ח"ב מערכת ל סי' קטז) כותב שממידת חסידות נכון דבריו, אבל מדינא מותר.

20. בהגהות היעב"ץ (שבת י"ב ע"א) על התוס' ד"ה אפילו, שכתבו שדרכן של הבגדים של האנשים והנשים להיות שוים, וכתב שם: 'משמע דבאתרא דשוין לית בה משום לא יהי' כלי גבר על אשה וכו' וכן מוכח בנדרים מט ע"ב'. ובשו"ת שבט הלוי (ח"ו סי' קיח) מביאו.

21. שו"ת קנין תורה (ח"ז סי' סז).

22. שו"ת מנחת יצחק (ח"ב סי' קח) 'אף בזמן שאינם שם אנשים אלא היא בעצמה בביתה, מ"מ עוברת על הלאו דלא יהי' כלי גבר, דאף דאין רואה מ"מ האיסור במקומו'.

## נאך איבער די מקור פון די פיוט "ידיד נפשי", און איבער די מזמור "ותתפלל חנה" ביים חנוכה ליכט צינדן

בנוגע דעם פיוט ידיד נפשי פלעג איך פלעג אמאל טאקע מיינען אז עס איז א באקאנטע פיוט אין די וועלט, אבער ווען איך האב אויפגעפאסט אז נאר אין טאהש זינגט מען עס, איז עס מיר טאקע געווען א וואונדער ווער עס האט געמאכט דעם פיוט, איך האב עס נאכנישט געהאט געטראפן אין ערגעץ שטיין, נישט פון די בעל החרדים אדער פון אנדערע בעלי פיוטים.

אין איינע פון די חנוכה טעג האב איך מיטגעהאלטן אין בית המדרש א שמועס מיט עטליכע אידן, מען האט גערעדט און פארציילט אויפן הייליגן רבי'ן, בתוך השמועס האט הרה"ח ר' חיים שלום טובי' גדלי' פעקעטע הי"ו פארציילט פון זכרון און פון וואס ער האט זיך פארצייכנט אויף די דעקל פון א ספר זיינע, אום שנת תשכ"ט, און ער האט מיר צוגעוויזן שפעטער די ספר.

עס איז מיר געווען אינטערעסאנט צו באמערקן דארטן צווישן די שורות (בייגעלייגט די קאפי), אז רבינו הקדוש זי"ע פלעגט צו זינגן 10 פסוקים פון "ותתפלל חנה אל ה'" (נ"ך אנהייב ספר שמואל), ביים חנוכה ליכט צינדן, ווי חנה בעט דארטן פאר ערליכע קינדער.

דערציילט ר' טובי' שליט"א, דער הייליגער רבי זי"ע פלעגט אריינקומען צום חנוכה ליכט צינדן מיט 3 סידורים, א סידור רבי יעקב עמדין ז"ל, א בארדיטשוב'ע סידור, און די סידור ישועות ישראל (ווי געברענגט פאריגע וואך אין איינע פון די בריוון, אז דער בעל מחבר פון דעם סידור דער בעל מסגרת השלחן אויפן קיצוש"ע, ער האט מחבר געווען דעם פיוט).

הגה"צ ר' יעקב חיים אמסעל זצ"ל האט אמאל געפרעגט דעם רבי'ן, "פארוואס זינגט דער רבי ידיד נפשי, דער הייליגער קאמארנ'ער זי"ע שרייבט דאך אז די 'פייטנים' זענען געווען בונה עולמות און גרויסע מענטשן, און די נוסח פון ידיד נפשי איז דאך געמאכט געווארן טאקע דורך א איד א צדיק דער בעל מסגרת השלחן, אבער ער איז דאך געווען א לעצטיגן, פון ממש פארן קריג, אין די תר"ע-פ יארן, און אויך פלעגט דאס דאך דער הייליגע זיידע נישט צו זינגען...."

האט אים דער הייליגער רבי געזאגט בערך בזה הלשון, "אמת טאקע, אבער ער זאגט דאך אזוי גוט, ער זאגט דאך אזוי גוט...", מיינענדיג דערמיט די ווערטער פון די פיוט, וואס רעדט צום אייבערשטן פון בענקעשאפט און געגועים, וואס דער הייליגע רבי פלעגט שטארק ארומקאכן ביי דעם.

אויך פלעגט דער הייליגע רבי אריינקומען מיט א ספר באר יעקב אין האנט, (הלכות מלוקטות, אזוי ווי די ספר כף החיים). און דער רבי פלעגט זאגן 3 לשם יחוד'ס. דעמאלטס פלעגט די רבי זאגן קודם ויהי נועם נאכדעם מזמור שיר, און דערנאך מכבד געווען מענטשן צו זינגן. ותתפלל חנה פלעגט דער רבי זינגן צום סוף, און נאכדעם ידיד נפש און קל מסתתר.

דער הייליגער רבי פלעגט אנהייבן אליין מאכן די קנויטן, און שפעטער פלעגט עס הרה"צ רבי מרדכי זצ"ל אנצוגרייטן, צוליב וואס ביז דער רבי איז געווארן גרייט צו צינדן איז שוין געווארן שפעט. און נאך שפעטער פלעגן עס די הויז בחורים צוגרייטן. אין יענע צייטן ווען די רבי פלעגט עס אליינס צו דרייען, פלעגט זיך דער רבי אינטערזינגען הייליגע תנועות פון נגינה.

זעירי דמן חברייא המתענג מהגליון הנפלא בכל שבוע ושבוע

## וויאזוי דער רבי האט געגריסט

א גוטן, איינער האט געוואלט וויסן וויאזוי דער רבי האט געגריסט חנוכה. די ענטפער אויף דעם איז לכאו' "א גוטן חנוכה". איך געדענק אז רוב מאל האט דער רבי געוואונטן "א גוטן". א גוטע וואך, א גוט יאר, א גוט שבת, א גוט יום טוב, א גוטן חודש, א גוטן חנוכה, א.א.א.וו.

(-)

## סידור טהרת השם, וסידור ישועת ישראל אצל הדלקה"נ

לכבוד המערכת, בנוגע הענין של הזמר של ידיד נפשי, כפי זכרוני בשנות תשל"ה-ח השתמש רבינו זי"ע אצל הדלה"נ את הסידור של טהרת השם כמו ששימש בכל ברכת המצוות, ואח"כ הי' לפניו הישועת ישראל' סידור שממנו זימר ידיד נפשי.

ש.ג.ג. פה לאנדאן

# עוד יזכור לנו

**דרשה נפלאה עובדות ממקור ראשון**
**על כ"ק מרן רביה"ק זיעועכי"א**
**ע"י הרה"ג אבדק"ק סיקסא שליט"א,**
**מתלמידי רביה"ק זי"ע**
אצל מלוה מלכה וסעודת הילולא רבתי לרגל יומדה"ק של
רביה"ק זי"ע בעיר מאנסי מוצש"ק פרשת עקב תשפ"ב העעל"ט

## פרשת ויגש - המשך
## פון פאריגע וואך

### א איד, ווען ער לייענט קרי"ש, קען נישט זעהן גארנישט!!

דער רבי האט זיך זייער געזארגט פאר מיין געזונט. איך בין געווען אלס בחור זייער א נידריגער, און שרעקליך אויסגעמאגערט, און נאך זאכן. דער רבי ער האט קעיר גענומען פון מיר זייער אסאך; איינמאל זאגט מיר דער רבי אז ער האט א גוטע דאקטאר, ער וויל איך זאל גיין צו דעם דאקטאר. זאג איך פארן רבי'ן: "נו, אז דער רבי הייסט גיי איך".

לייגט דער רבי צו: "בשעת דער דאקטאר וועט דיך באהאנדלען, און ער וועט אויף דארפן אריינקוקן אין דיינע אויגן, זאלסטו זיכער מאכן צו היטן די אויגן, וועסט בשעת מעשה לייגען קריאת שמע אזוי וועסטו נישט דארפן קוקן אויפן גויש'ן דאקטאר, ווייל ווען מען לייענט קריאת שמע זעט מען גארנישט".

זאג איך: "רבי, דער רבי זאל מיר מוחל זיין, ווען איך לייען קריאת שמע זע איך יא". אזוי האב איך מיך אנגערופן. האט דער רבי מיר אנגעכאפט ביידע הענט, אזוי כדרכו, און ער זאגט מיר: "ניין ניין, קיין איין איד, א איד ווען ער לייענט קריאת שמע זעט ער נישט, נישטא אזא זאך, ווען מען לייענט קריאת שמע זעט מען נישט".

ער האט בשום אופן זיך נישט אונטערגעגעבן, נישטא אזא זאך, ווען מען לייענט קריאת שמע קען מען נישט זעהן וואס מען דארף נישט, ממילא ווען מ'דארף גיין צו א דאקטאר קען מען לייענען קריאת שמע אלס אן עצה אויף שמירת עינים.

## ווייץ און ציקער איז נישט געזונט ברוחניות ובגשמיות

איך האב אויך געהאט, איין נאכט האט מיר דער רבי געזאגט: "ווייץ און ציקער איז נישט געזונט נישט ברוחניות און נישט בגשמיות. מען טיילט אין ישיבה אסאך מאל פודינג אויף לאנטש, ס'איז עכט נישט קיין געזונטע מאכל, אבער וואס זאל איך טון, די בחורים ווילן דאך אויך עפעס עסן. אבער דו עס דאס נישט, דאס איז נישט געזונט". אזוי האט מיר דער רבי דעמאלטס געזאגט, 'ווייץ און צוקער עס נישט.'

פרעג איך דעם רבי'ן: "וואס דען זאל איך עסן?" האט דער רבי געזאגט, איך זאל עסן טאפעלע מיט טאמאטעס. איך האב נישט געוואוסט וואס די מאכל איז בכלל, האב איך אזוי געפרעגט דעם רבי'ן צו דאס האט א גוטן טעם, האט דער רבי מיר געענטפערט, יא, ס'איז זייער גוט'. דער רבי האט געוואלט איך זאל עס עסן האט ער געזאגט אז ס'איז א גוטע מאכל, און אז דער רבי האט געהייסן דאס עסן האב איך געפאלגט.

יעדן טאג האט מיר דער רבי' געשיקט צומאלענע טאפעלע מיט טאמאטעס, יעדן טאג האט עס איינער אריינגעברענגט, אדער איינער פון רבי'נס הויז, אדער איינער פון די בחורים, א יאר און א פערטל האב איך עס באקומען. דאס איז געווען וויאזוי דער רבי האט עקסטער אינזין געהאט יעדן בחור אזוי ווי א טאטע און מאמע.

## דעם רבי'נ'ס געטראנקען לרפואה

איך וועל פארציילן נאך א מעשה. איך האב געהאט אן עקסידענט אמאל און איך האב נישט געקענט ארויסגיין ל"ע, קיינער זאל נישט וויסן, די יסורים זענען זייער גרויס. ס'איז שוין געווען נאך מיין חתונה און איך בין געקומען יענעם שבת אויף טאהש, איך האב געקאלט דעם רבי'ן דאנערשטאג צו מזכיר זיין, האט ער מיר געזאגט, איך זאל קומען אויף טאהש אויף שבת, דער רבי האט געזאגט, ביסט שוין לאנג נישט דא געווען אויף שבת, קום אויף שבת".

שוין, איך בין געקומען אויף שבת. פרייטאג צונאכטס נאך קידוש זענען די יסורים געווארן ערגער, בין איך געגאנגען איך האב אריינגעקלאפט צו ישראל בנימין, איך האב אים געזאגט, איך פיל אז איך קען ממש נישט אויסהאלטן, איך גיי חלש'ן, איך קען נישט מער.

ישראל בנימין האט געטשעקט, ער האט געזען ס'טויג נישט, ער איז געגאנגען מזכיר זיין ביים רבי'ן און ער קומט צוריק מיט אזא גרויסע באטל מיט עפעס געטראנקען. "דער רבי האט געזאגט, זאלסט דאס טרינקען וועט אלעס גוט זיין". איך ווייס נישט צי א שלאנג וואלט דאס געקענט טרינקען, ס'איז געווען געפערליך, איך האב מיך ממש געפלאגט, איך האב נישט געוויסט וועלכע יסורים איז ערגער...

צופרי האט מיר דער רבי געלאזט רופן, און דער רבי פרעגט מיר וואס עס איז געווארן, צו איך האב דאס געטרינקען, און צו איך שפיר שוין בעסער. זאג איך פאר'ן רבי'ן, אוודאי שפיר איך בעסער, גלייך ווען איך האב דאס געטרינקען האב איך געקענט ארויסגיין, און איך לייג צו פארן רבי'ן, עס האט דאך אזא ביטערן טעם אז אפילו א טויטער וואלט זיך אויפגעוועקט ווען ער טרינקט דאס, אוודאי קען מען ארויסגיין ווען מען טרינקט דאס. זאגט מיר דער רבי: "איך ווייס נישט וואס דו זאגסט, איך טרינק דאס כמעט יעדן טאג, ס'איז זייער גוט".

**המשך יבוא בשבוע הבא בעז"ה**

## התנצלות המערכת

די לעצטערע וואכן איז אריינגעקומען צום מערכת א איבערפלוס פון בריוון און מעסעדזשעס פאר דעם מדור, אזוי ווי נישט אלעס האט געהאט פלאץ, אויב איז נאך נישט געדרוקט געווארן אייער מעסעדזש אדער בריוו, וועט איהר עס בעז"ה זעהן אין די קומענדיגע גליונות. (וויאזוי אריינצושיקן בריוון פאר דעם מדור זעהט אויבן אינעם קעפל פונעם מדור)

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

ויגש - תשפ"ג לפ"ק

## דינסטאג מקץ - חנוכה:

מיטאג צייט איז דער רבי ערשינען אויף א באזוך אין תלמוד תורה, ווי אלע קינדער זענען געווען פארזאמעלט אין בית המדרש פון ת"ת, אנגעטוהן מיט ווייסע העמדער, מען האט מקבל פנים געווען דעם רבי'ן זינגענדיג ברוך הבא בשם השם, זה היום עשה השם נגילה ונשמחה בו.

נאכן זינגען עטליכע ווארימע ניגונים, האט אויפגעטרעטן מיט פאסיגע דיבורים דער מנהל הרב ר' אהרן הערש שטעסל שליט"א, און מכבד געווען הרב ר' משה יואל שפירא שליט"א לאנג יעריגע מחנך אין תלמוד תורה, איבער צו געבן פארן רבי'ן מהנעשה והנשמע אין חדר.

דערנאך האט מען געהאט די זכיה צו הערן דברות קודש פון רבי'ן, און אלע קינדער זענען אריבער נעמען מטבעות קודש.

◆

פארנאכטס אום 5:00 איז די רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול צו מנחה מעריב. צום עמוד איז צוגעגאנגען הר"ר יעקב זוסמאן שליט"א משב"ק.

תיכף נאך מעריב האט דער רבי אפגעראכטן סדר הדלקת נרות חנוכה.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן, הרה"ג ר' דוד אונגאר שליט"א, דומ"ץ סקווירא, הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א, הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א, הרה"ח ר' שמואל זאנוויל אהרן וויינגארטן שליט"א, וויליאמסבורג, הרה"ח ר' יעקב זוסמאן שליט"א, משב"ק.

נאך די זמירות איז יעדער אריבער דעם רבי'ן וואונטשען א גוטן חנוכה.

## מיטוואך מקץ - חנוכה:

דער רבי האט מנחם אבל געווען דורכ'ן טעלעפאון משפחת קאהן / ראזענבערג, וועלכע זענען געזעצן שבעה על פטירת האשה החשובה מרת לאה ע"ה בת מוה"ר אביגדור יודא הי"ו.

◆

ביי הדלקת הנרות האט זענען מכובד געווארן מיט די זמירות, הרה"צ רבי אברהם יודא סג"ל שליט"א, הרה"צ רבי משה סג"ל שליט"א, הרה"ח ר' אלעזר עקיבה בינעט הי"ו, מאנטריאל, הרה"ח ר' אברהם יוסף דרוממער הי"ו, הרה"ח ר' אפרים פישל פעלבערבוים הי"ו.

## דאנערשטאג מקץ - חנוכה:

אינדערפרי האט זיך דער רבי משתתף געווען ביים ברית מילה פון בן מוה"ר יואל ברייער הי"ו, דער רבי איז מכובד געווארן מיט סנדקאות, נאך קדיש האט דער רבי געבענטשט דעם רך הנמול און אנגעוואונטשען פאר די עלטערן ברכות לרוב.

◆

ביינאכט ביים ליכט צינדן האט רבינו שליט"א מכבד געווען מיט די פיוטים, הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הקדושה שליט"א, האדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, הרה"ג דומ"ץ טאב שליט"א, הרה"ג ראש הכולל טאב שליט"א, הרה"צ רבי יצחק אייזיק פיש שליט"א.

## שבת פרשת מקץ - שבת חנוכה:

ביים שלחן הטהור ליל שב"ק, זענען מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הרה"ח ר' חיים יחזקאל שרגא הכהן לאנדאוי הי"ו, וויליאמסבורג, קה אכסוף כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, מה ידידות האדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, תנו שבח הגאון הגדול דומ"ץ דקריתינו הק' שליט"א, קה רבון עלם הרה"ח ר' חיים יחזקאל שרגא הכהן לאנדאוי הי"ו, צור משלו הרה"ח ר' יעקב יאקאבאוויטש הי"ו, בארא פארק, אז ביום השביעי הרה"ח ר' יהוסף יואל סג"ל קרויס הי"ו, מאנטריאל, ברכי נפשי הרה"ג ר' מנחם מענדל סג"ל גאלדשטיין שליט"א משגיח ישיבתינו הק' טשעסטער, מזמור שיר חנוכת מוה"ר אליעזר ברוך פריעד הי"ו, מאנסי.

ביי די תורה נאכן פארלערנען ספה"ק נועם אלימלך ד"ה ויהי מקץ שנתיים ימים, האט דער רבי בתודה"ק ארויסגעברענגט **וויאזוי עס איז אריבער א חנוכה, און שבת חנוכה ביי רבינו הקדוש זי"ע, און דער גרויסע אור וואס מען האט דעמאלטס געשפירט. און אפילו דער הייליגע רבי איז שוין היינט טאקע נישט דא, אבער דורכ'ן לערנען זיינע הייליגע ספרים, קען מען עס ווייטער ממשיך זיין. די גאנצע תכלית וואס דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט איז ווייל קוב"ה ואורייתא וישראל חד הוא, מיט די דריי זאכן וואס גייען צוזאמען קען משיח קומען. די וואך שבת איז דא אלע דריי זאכן, שבת איז שמא דקוב"ה, ראש חודש איז דאך קעגן די אידן, ווייל ווען די אידן זענען מקדש דעם חודש ווערט עס מקודש. אורייתא איז די ימי החנוכה מרומז, די ל"ו נרות איז קעגן די ל"ו מסכתות הש"ס, און אין דעם זכות וואס מ'איז מייחד**

**קוב"ה ואורייתא וישראל, זאל דער אייבערשטער העלפן מען זאל שוין ארויסגיין פון גלות.**

שיר המעלות הב' לוי יצחק סג"ל שווארץ נ"י, וומסב"ג, ברהמ"ז על הכוס הרה"ג אב"ד ראדאשיץ שליט"א, קרית יואל, שבח נותנים העסקן הדגול מוה"ר ברוך צבי נוסנצווייג הי"ו, וומסב"ג.

*

שבת אינדערפרי איז מכובד געווארן מיט פסוקי דזמרה מוה"ר אליעזר צבי הערשקאוויטש הי"ו, שחרית איז צוגעגאנגען הרה"צ רבי משה סג"ל שליט"א. און דער רבי האט פארגעזאגט הלל ביים עמוד מיט גרויס התעוררות.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הרה"ח ר' ישעי' דניאל הכהן וויינבערגער הי"ו, וומסב"ג, לוי הרה"ח ר' יהוסף יואל סג"ל קרויס הי"ו, שלישי מו"ה חיים שלמה קרויס הי"ו, דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו שנולדה לו למזל טוב. רביעי הרה"ח ר' יעקב יאקאבאוויטש הי"ו, חמישי הרה"ח ר' פנחס ארי' גרינוואלד הי"ו, ששי הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א, שביעי מוה"ר יושע יצחק גרינוואלד הי"ו. הגבה אויפן ערשטע ספר מוה"ר טובי' סג"ל שווארץ הי"ו, בארא פארק, גלילה מוה"ר יעקב שאול הערשקאוויטש הי"ו. אחרון רבינו שליט"א. הגבה אויפן צווייטע ספר מוה"ר יואל סג"ל שווארץ הי"ו, וומסב"ג, גלילה מו"ה מרדכי ארגעל הי"ו. פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, מפטיר האט עולה געווען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א. הגבה אויפן דריטע ספר מוה"ר מנחם נחום סג"ל שווארץ הי"ו, וומסב"ג, גלילה מוה"ר יואל משה דוד ווייס הי"ו.

דער רבי שליט"א איז צוגעגאנגען צו מוסף. פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר משה אהרן קרויס הי"ו, מאנסי.

✧

ביים טיש זענען מכובד געווארן, מיט הגבהת הכוס צו קידוש העסקן מוה"ר ישראל מרדכי פרושינובסקי הי"ו, מאנסי, מזמור שיר, מוה"ר טובי' סג"ל שווארץ הי"ו, בארא פארק, אז ביום השביעי מוה"ר יואל שטערן הי"ו, בארא פארק, ברכי נפשי מוה"ר יוסף ישעי' קאהן הי"ו, וומסב"ג, שיר המעלות הב' יוסף וואסערמאן נ"י, וומסב"ג, ברהמ"ז על הכוס הרה"ח ר' חיים יחזקאל שרגא הכהן לאנדאוי הי"ו, וומסב"ג.

✧

שבת נאכמיטאג צו מנחה איז צוגעגאנגען מוה"ר אהרן אלעזר סג"ל יונגרייז הי"ו, די עליות האבן עולה געווען כהן מוה"ר אליעזר ברוך פריעד הי"ו, לוי הרה"צ רבי משה סג"ל שליט"א, שלישי מוה"ר ישראל מרדכי פרושינובסקי הי"ו, מאנסי, הגבה כ"ק אדמו"ר מספינקא שליט"א, גלילה מוה"ר נפתלי צבי ברוך הכהן לאנדאוי הי"ו, וומסב"ג.

קידוש ביי שלו"ש איז נתכבד געווארן הגאון הגדול דומ"ץ דקריתינו הק' שליט"א. צוליב וואס עס איז אויסגעפאלן ניטל דעם מוצאי שב"ק, האט דער רבי נישט משמיע געווען קיין דברי תורה ביי סעודה שלישית.

מיט די זמירות זענען נתכבד געווארן די בעלי שמחה: ידיד נפש הרה"ח ר' פנחס ארי' גרינוואלד הי"ו, קל מסתתר מוה"ר יושע יצחק גרינוואלד הי"ו, אין כאלקינו מוה"ר יהוסף אלקנה סג"ל קרויס הי"ו, ברכי נפשי הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א.

שיר המעלות הב' שמעון יארעסלאוויטש נ"י, ברהמ"ז על הכוס כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב.

הגבהת הכוס צו הבדלה מו"ה יואל סג"ל גאלדשטיין הי"ו, קרית יואל, די הבדלה האט געהאלטן מוה"ר יחיאל אלתר גוטמאן הי"ו, משמש דבית מדרשינו מאנסי.

נאכדעם איז פארגעקומען קבלת קהל.

## מוצאי שבת קודש מקץ - חנוכה:

ביי הדלקת נרות חנוכה, זענען מכובד געווארן מיט די זמירות, הרה"ח ר' ישעי' דניאל וויינבערגער הי"ו, וומסב"ג, הרה"ח ר' אהרן קרויס הי"ו, הרה"ח ר' יוסף שלום כרמל הי"ו, מאנטריאל, הנגיד מוה"ר ר' אברהם שניצלער הי"ו, מאנטריאל, מוה"ר ר' אהרן מתתי' פריעדלענדער הי"ו, מאנטריאל, יו"ר ארגון רפואה וחסד.

נאכדעם וואס די קאפעליע האט געזינגען האט החזן מוה"ר יוסף בנציון וועבערמאן הי"ו פארגעזינגען 'חשוף', האט דער רבי געבענטשט און געשיקט מטבעות ספעציעל פאר תלמידי ישיבתינו הק' אין ניו יארק.

דערנאך האט דער רבי ממשיך געווען מיט קבלת קהל.

## זונטאג ויגש - חנוכה:

נאך מעריב האט דער רבי געוואונטשן דעם ציבור א גוטן חנוכה, און די געסט פון ניו יארק זענען אריבער ביים רבי'ן נעמען שלום.

ס'איז געווען צוגעשטעלט א רייכע נאכטמאל בביתו נאוה קודש, פאר די פולע געסט וועלכע זענען געקומען פון ניו יארק.

דער רבי איז ארויס צום ציון הקדוש אויסזאגן גאנץ ספר תהלים.

בשעה 8:20 איז דער רבי אריינגעקומען בהיכל ביהמ"ד הגדול צו הדלקת נרות חנוכה, דער רבי האט אנגעגרייט די אויל און קנויטן, געזינגען למנצח, געזאגט דעם לשם יחוד, און געצינדן. נאכן זינגען די ניגונים ווי יעדע נאכט, זענען מכובד געווארן מיט די איבריגע ניגונים: הגה"צ אב"ד וויזניץ שליט"א, הרה"ג ר' יחיאל מיכל מאסקאוויטש שליט"א, הרה"ג ר' עקיבא יוסף ראבינאוויטש שליט"א, מרבני בית מדרשינו מאנטריאל, הרה"ג ר' נתן נטע זעליג ווייס שליט"א, הרה"ג ר' שמעון ליגעטי שליט"א, לדוד השם אורי הרה"ג ר' יוסף משה אונסדארפער שליט"א ר"מ בישיבתינו הק'.

נאך די זמירות האט די קאפעליע מהנה געווען ווי יעדע נאכט, און דערנאך איז פארגעקומען דער דערהויבענע 'מסיבת לחיים', ווי מען האט געזינגען ווארימע ניגונים, אנגעפירט דורכן מקהלת המנגנים דחצרות קדשינו.

דער רבי האט אויפגעטרעטן מיט ווארימע דברות קודש בדברי הדרכה פאר די קומענדיגע ווינטער חדשים, **און האט גאר שטארק ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון די טאג זאת חנוכה, וואס עס איז**

די גמר החתימה פון די ימי הרחמים והסליחות, און מען קען זיך אויסבעטן אלעס גוטס, און יעצט איז די ריכטיגע צייט מתפלל צו זיין פאר קינדער, און פאר ערליכע קינדער, אהובים למעלה ונחמדים למטה. ארומרעדענדיג אז יעדער איינער האט א חיוב קובע עתים לתורה צו זיין, און אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא אז מען דארף עסן פת שחרית, צוליב די געזונט פון א מענטש, פ"ת איז בגימ' תלמ"ה, דאס זעלבע דארף מען לערנען יעדן טאג צופרי און ביינאכט, כדי די נשמה זאל זיין געזונט, און נאר אזוי קען מען זיך שטארקן אויף אלע נסיונות.

זייענדיג מעורר איבער די עבודת התפלה, אז מען דארף קומען צייטליך צום דאווענען, און נאכן דאווענען זאל מען זאגן דעם יום תהלים יעדן טאג, און מיט דעם קען מען אויס'פועל'ן אלעס גוטס, און אזוי קען מען איבערדרייען פון נג"ע צו ענ"ג, ס'זאל זיין גוט פאר אלע אידישע קינדער.

דער רבי' האט געטרינקען לחיים, און ארויפגעשיקט שירים פארן ציבור לקח און ברוינפן, און געוואונטשן לחיים.

דערנאך האט מען געזינגען ליהודים היתה אורה, דער רבי' האט זיך אויפגעשטעלט טאנצן אויף 'בספר חיים ברכה ושלום' פאר א לענגערע צייט. דערנאך איז דער עולם העכער א שעה אריבער נעמען א געבענטשטע מטבע. דערנאך האט דער רבי' געטיילט געבענטשטע מטבעות פארן מקהלת המנגנים דחצרות קדשינו.

דערנאך האט דער רבי' אויפגענומען דעם ציבור אורחים החשובים לברך ולהתברך בביתו נאוה קודש.

## מאנטאג ויגש:

צופרי האט דער רבי' געלייגט תפילין פאר בחור הבר מצוה בן הר"ר צבי אביגדור ראזענבוים שליט"א, דערנאך האט דער רבי' אנגעווינטשען די בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן א מתנה די ספה"ק עבודת עבודה.

פארמיטאג איז פארגעקומען די אפשערן בביתו נאוה קודש פון בן מו"ה שמואל מאיר מאירוביץ ני"ו, נאכ'ן שערן דאס קינד האט דער רבי' אנגעטוהן דעם קאפל און ציצית און געבענטשט דאס קינד, מען האט געמאכט א לחיים ווי דער רבי' האט ווארעם אנגעוואונטשן פאר די עלטערן ובני המשפחה.

## דינסטאג ויגש:

דער רבי' האט מנחם אבל געווען דורכ'ן טעלעפאון, משפחת כהן / פעקעטע, וועלכע זיצן שבעה על פטירת האשה החשובה מרת קריינדל ע"ה, בת הרה"ח ר' חיים שלום טובי' גדלי' הי"ו, דער רבי' האט גערעדט מיט די קינדער באזונדער און געגעבן חיזוק און הדרכה.


# איחוד טאהש טעלעפאון ליין

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א
דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאורעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו'ס • ועוד

718.451.8674 | 514.500.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074

קלארע און הערליכע שיעורים
במסכת בבא קמא
בחבורת "מזון הנפש"
41 פון די מעין מעניד

קלארע און הערליכע שיעורים
בספר תהלים
בחבורת "לומדי תהלה"
48 פון די מעין מעניד



יר"ל ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש
להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע נא לקרוא להמערכת

איחוד תלמידי חסידי טאהש

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 845.230.6884
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950



די דעדליין אריינצושיקן מודעות און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
מיטוואך 12:00 מיטאג


ב"ה

# סדר השיעורים

דקהילתינו הקדושה
קהל אור החיים ד'טאהש
• בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א •

## פרשת ויחי

| | גמרא: ה' עמודים מס' בבא קמא | גמרא: ז' עמודים מס' בבא מציעא | קיצור שו"ע: סימן | קיצור שו"ע: סעיף |
|---|---|---|---|---|
| זונטאג | בחינה | מד: | סימן קעא | א-ב |
| מאנטאג | כז. | מה. | סימן קעב | ג-א |
| דינסטאג י' בטבת | כז: | מה: | סימן קעב | ב-ג |
| מיטוואך | כח. | מו. | סימן קעג | א-ב |
| דאנערשטאג | כח: | מו: | סימן קעג | ג-ד |
| פרייטאג | ניטל | מז. | סימן קעד | א-ב |
| שב"ק | חזרה | מז: | סימן קעה | ג-א |

חבורת מזון הנפש
לימוד ש"ס והלכה מדי יום ביומו